**אויטאריזאציע פאר צוטריט צו פאציענט אינפארמאציע**
**דורך א געזונטהייט אינפארמאציע אויסטויש ארגאניזאציע**

ניו יארק סטעיט העלטה דעפארטמענט

| פאציענט נאמען | געבורט דאטום | פאציענט אידענטיפיקאציע נומער |
|---|---|---|
| פאציענט אדרעס | | |

איך פארלאנג אז צוטריט צו געזונטהייט אינפארמאציע וואס אנבאלאנגט מיין באהאנדלונג, זאל זיין ווי פארגעשטעלט אין דעם פארם. איך קען באשליסן צו ערלויבן, אדער נישט צו ערלויבן [Name of Provider Organization] (אריינגערעכנט זייערע אגענטן) צו באקומען צוטריט צו מיינע מעדיצינישע רעקארדס דורך די געזונטהייט אינפארמאציע אויסטויש ארגאניזאציע וואס ווערט אנגערופן מיטן נאמען Healthix. אויב איך גיב צושטימונג, וועט ערלויבט ווערן צוטריט צו מיינע מעדיצינישע רעקארדס פון פארשידענע פלעצער וואו איך באקום העלטה קעיר דורכן נוצן א קאמפיוטער נעטווארק דורכאויס די סטעיט. Healthix איז א נאן-פראפיט ארגאניזאציע וועלכע טיילט מיט אינפארמאציע איבער מענטשנ'ס געזונטהייט עלעקטראניש און קומט נאך די פריוואטקייט און זיכערקייט סטאנדארטן פון די העלטה אינשורענס נאכאנאדיגקייט און פאראנטווארטליכקייט געזעץ [HIPAA] און ניו יארק סטעיט געזעץ. צו לערנען מער, באזוכט Healthix'ס וועבזייטל אויף www.healthix.org.

**די באשלוס וואס איך מאך אין דעם פארם וועט *נישט* באווירקן מיין מעגליכקייט צו ערהאלטן מעדיצינישע באהאנדלונג. די באשלוס וואס איך מאך אין דעם פארם ערלויבט *נישט* העלטה אינשורערס צו האבן צוטריט צו מיין אינפארמאציע פארן צוועק פון באשליסן אויב מען זאל מיר צושטעלן העלטה אינשורענס דעקונג אדער באצאלן מיינע מעדיצינישע בילס.**

**מיין צושטימונג אויסוואל.** איין קעסטל איז באצייכנט צו לינקס פון מיין אויסוואל.
איך קען אויספולן דעם פארם יעצט אדער אין די צוקונפט.
איך קען אויך טוישן מיין באשלוס סיי ווען דורכן אויספילן א נייע פארם.

☐ 1. **איך גיב צושטימונג** פאר [Name of Provider Organization] צו האבן צוטריט צו **אלע** מיינע עלעקטראנישע געזונטהייט אינפארמאציע דורך Healthix צוצושטעלן העלטה.

☐ 2. **איך אנטזאג צושטימונג** פאר [Name of Provider Organization] צו האבן צוטריט צו מיין עלעקטראנישע געזונטהייט אינפארמאציע דורך Healthix פאר סיי וועלכע צוועק.

אויב איך וויל אנטזאגן צושטימונג פאר אלע פארזארגער ארגאניזאציעס און געזונטהייט פלענער וועלכע נעמען אנטייל אין Healthix צו האבן צוטריט צו מיין עלעקטראנישע אינפארמאציע דורך Healthix, קען איך טון אזוי דורכן באזוכן Healthix'ס וועבזייטל ביי www.healthix.org אדער רופן Healthix אויף 877-695-4749.

מיינע פראגן איבער דעם פארם זענען געווארן פארענטפערט און מען האט מיר צוגעשטעלט א קאפיע פון דעם פארם.

| אונטערשריפט פון פאציענט אדער פאציענט'ס לעגאלער פארטרעטער | דאטום |
|---|---|
| שרייבט נאמען פון לעגאלער פארטרעטער (אויב שייך) | פארבינדונג פון לעגאלער פארטרעטער צום פאציענט (אויב שייך) |

**איינצעלהייטן איבער די אינפארמאציע וואס Healthix האט צוטריט דערצו און די צושטימונג פראצעדור:**

1. **ווי אזוי אייער אינפארמאציע קען ווערן גענוצט.** אייער עלעקטראנישע אינפארמאציע קען ווערן גענוצט **נאר** פאר די פאלגענדע געזונטהייט סערוויסעס:
   - **באהאנדלונג סערוויסעס.** אייך צושטעלן מעדיצינישע באהאנדלונג און פארבינדעטע סערוויסעס.
   - **אינשורענס בארעכטיגונג באשטעטיגונג.** אונטערזוכן טאמער איר האט העלטה אינשורענס און וואס עס דעקט.
   - **קעיר פארוואלטונג אקטיוויטעטן.** דאס רעכנט אריין אייך העלפן באקומען פאסיגע מעדיצינישע באהאנדלונג, פארבעסערן די קוואליטעט פון די סערוויסעס וועלכע ווערן אייך צוגעשטעלט, קאארדינירן די פאדערונגען פון פארשידנארטיגע העלטה קעיר סערוויסעס וועלכע ווערן אייך צוגעשטעלט, אדער אייך שטיצן ביים אויספאלגן א מעדיצינישע באהאנדלונג פלאן .
   - **קוואליטעט פארבעסערונג אקטיוויטעטן.** אפשאצן און פארבעסערן די קוואליטעט פון העלטה קעיר וואס ווערט צוגעשטעלט פאר אייך און אלע פאציענטן.

2. **וואספארא סארטן אינפארמאציע איבער אייך ווערן אריינגערעכנט.** אויב איר גיבט ערלויבעניש, וועט די פארזארגער ארגאניזאציע וואס איז אויסגערעכנט קענען האבן צוטריט צו **אלע** אייערע עלעקטראנישע געזונטהייט אינפארמאציע וועלכע איז דא דורך Healthix. דאס רעכנט אריין אינפארמאציע וועלכע איז געשאפן געווארן איידער אדער נאך דעם דאטום וואס דער פארם ווערט אונטערגעשריבן. אייערע געזונטהייט רעקארדס קענען אריינרעכענען א היסטאריע פון קרענק אדער וואונדן וואס איר האט געהאט (אזוי ווי צוקער קראנקהייט אדער א צובראכענע ביין), טעסט רעזולטאטן (ווי עקס-רעיס אדער בלוט טעסטן) און ליסטעס פון מעדיצינען וואס איר האט גענומען. די אינפארמאציע קען אריינרעכענען סענסיטיווע געזונטהייטן אומשטענדן, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו:

   - אלקאהאל אדער דראג באנוץ פראבלעמען און דיאגנאזן
   - געבורט קאנטראל און אבארטן (פאמיליע פלאנירונג)
   - גענעטישע (גע'ירש'נטע) קרענק אדער טעסטס
   - HIV\עידס
   - גייסטישע געזונטהייט אומשטענדן
   - געשלעכטליכע איבערגעפירטע קרענק
   - מעדיצינען און דאזעס
   - דיאגנאסטישע אינפארמאציע
   - אלערגיעס
   - סובסטאנץ באנוץ היסטאריע קיצורים
   - קלינישע נאטיצן
   - דיסטשארדזש קיצור
   - עמפלוימענט אינפארמאציע
   - וואוינונג צושטאנד
   - געזעלשאפטליכע שטיצע
   - קלעימס ענקאונטער אינפארמאציע
   - לאבאראטאריע טעסט

3. **פון וואו די אינפארמאציע איבער אייך קומט.** אינפארמאציע איבער אייך קומט פון פלעצער וואס האבן אייך צוגעשטעלט העלטה קעיר אדער געזונטהייט אינשורענס. דאס קען אריינרעכענען שפיטעלער, דאקטוירים, אפטייקן, קלינישע לאבאראטאריעס, געזונטהייט אישורערס, די מעדיקעיד פראגראם, און אנדערע ארגאניזאציעס וועלכע טוישן אויס אינפארמאציע עלעקטראניש. א פולשטענדיגע, יעצטיגע ליסטע איז גרייט פון Healthix. איר קענט באקומען אן אפדעיטעד ליסטע סיי ווען דורכן באקוקן Healthix'ס וועבזייטל ביי www.healthix.org אדער רופן Healthix אויף 877-695-4749.

4. **ווער קען האבן צוטריט צו אינפארמאציע איבער אייך, אויב איר גיבט ערלויבעניש.** נאר דאקטוירים און אנדערע שטאב מיטגלידער פון די ארגאניזאציע(ס) וואס איר האט געגעבן ערלויבעניש צו האבן צוטריט וועלכע פירן אויס אקטיוויטעטן וועלכע ווערן ערלויבט דורך דעם פארם ווי געשילדערט אויבן אין פאראגראף איין.

5. **פובליק געזונטהייט און גליד פארשאפונג ארגאניזאציע צוטריט.** פעדעראלע, סטעיט אדער לאקאלע פובליק געזונטהייט אגענטורן און געוויסע גליד פארשאפונג ארגאניזאציעס זענען אויטאריזירט דורכן געזעץ צו האבן צוטריט צו געזונטהייט אינפארמאציע אן א פאציענט'ס ערלויבעניש פאר געוויסע פובליק געזונטהייט און גליד איבערפלאנצונג צוועקן. די קערפערשאפטן קענען האבן צוטריט צו אינפארמאציע דורך Healthix פאר די צוועקן אפגעזען פון אויב איר גיבט צושטימונג, אנטזאגט צושטימונג, אדער איר פולט נישט אויס קיין צושטימונג פארם.

6. **געלט שטראפן פאר אומריכטיגע צוטריט צו אדער באנוץ פון אייער אינפארמאציע.** עס זענען פאראהאן געלט שטראפן פאר אומריכטיגע צוטריט צו אדער באנוץ פון אייער עלעקטראנישע געזונטהייט אינפארמאציע. סיי ווען, אויב פארדעכטיגט איר אז עמיצער וואס האט נישט געזאלט זען אדער האבן באקומען צוטריט צו אייער אינפארמאציע האט יא געטון אזוי, רופט די Provider Organization אויף____; אדער באזוכט Healthix'ס וועבזייטל ביי www.healthix.org; אדער רופט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט אויף 518-474-4987; אדער פאלגט אויס די קלאגע פראצעדור פון די פעדעראלע אפיס פון ציווילע רעכטן ביי דעם פאלגענדן לינק: *http://www.hhs.gov/ocr/privacy/hipaa/complaints/*.

7. **ווידער-ארויסגעבונג פון אינפארמאציע.** סיי וועלכע ארגאניזאציע(ס) פאר וועלכע איר האט געגעבן ערלויבעניש צו האבן צוטריט צו געזונטהייט אינפארמאציע איבער אייך קען ווידער ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע, אבער נאר אזוי פיל ווי עס ווערט ערלויבט דורך פעדעראלע און סטעיט געזעצן און רעגולאציעס. צוטריט צו אלקאהאל\דראג באהאנדלונג-פארבינדעטע אינפארמאציע אדער געהיימע HIV-פארבינדעטע אינפארמאציע איז נאר ערלויבט און מעג נאר ווערן ווידער ארויסגעגעבן אויב עס ווערט באגלייט דורך די געפאדערטע סטעיטמענטס אנבאלאנגט פארבאט אויף ווידער-ארויסגעבונג.

8. **גילטיגע צייט אפשניט.** די דאזיגע ערלויבעניש פארם וועט בלייבן אין קראפט ביז דעם טאג וואס איר טוישט אייער ערלויבעניש אויסוואל, טויט אדער ביז אזא צייט אז Healthix הערט אויף צו פארזעצן. אויב Healthix פאראייניגט זיך מיט נאך א קוואליפיצירטע קערפערשאפט וועט אייער ערלויבעניש אויסוואל בלייבן אין קראפט ביים די נייע פאראייניגטע קערפערשאפט.

9. **טוישן אייער צושטימונג אויסוואל.** איר קענט טוישן אייער צושטימונג אויסוואל סיי ווען און פאר סיי וועלכע פארזארגער ארגאניזאציע אדער געזונטהייט פלאן דורכן אריינגעבן א נייע צושטימונג פארם מיט אייער נייעם אויסוואל. ארגאניזאציעס וועלכע האבן צוטריט צו אייער אינפארמאציע דורך Healthix אין די צייט וואס אייער ערלויבעניש איז אין קראפט קענען קאפירן אדער אריינרעכענען אייער אינפארמאציע אין זייערע אייגענע מעדיצינישע רעקארדס. אפילו

Healthix

אויב שפעטער באשליסט איר צו טוישן אייער צושטימונג באשלוס, זענען זיי נישט געפאדערט צוריקצוגעבן אייער אינפארמאציע אדער אדער עס עס ארויסנעמען פון זייערע רעקארדס.

10. **קאפיע פון פארם.** איר זענט בארעכטיגט צו באקומען א קאפיע פון דעם צושטימונג פארם.